**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**זיבן סטעיטס אין צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער אנאנסירן אז 3.62 ביליאן דאלארדיגע פארשלאג איז ארײנגעגעבן געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט פאר פינאנצירונג און דעזיגנאציע אלץ נאציאנאלע צענטער**

***מער פון צוועלף פראיעקטן פארגעשלאגן פאר די צפון-מזרח צו פאראויס שטופן פראדוקציע, באנוץ און אינפראסטרוקטור פאר ריינע הײדראָודזשען פאר באנוץ אין אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער אראפצונעמען פון קארבאן***

***שטיצט יעדע סטעיט'ס קלימאט און ריינע ענערגיע ציהלן ארײנרעכענענדיג רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אין אלע אינדוסטריעס פון די עקאנאמיע***

די סטעיטס ניו יארק, ניו דזשערסי, מעין, ראָוד אײלענד, קאנעטיקוט, ווערמאנט און מעסעטשוסעטס האבן היינט אנאנסירט אז א גרופע פארשלאג פאר א צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער (Northeast Regional Clean Hydrogen Hub) איז ארײנגעגעבן געווארן צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט (Department of Energy, DOE) זיך צו פארמעסטן פאר א 1.25 ביליאן דאלארדיגע חלק פון די 8 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע הײדראָודזשען צענטער געלטער וועלכע זענען דא צו באקומען אלץ טייל פון דעם אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ (Infrastructure Investment and Jobs Act). צוזאמען מיט די פעדעראלע חלק קומט די פארשלאג אן צו א 3.62 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און רעכנט אריין איבער צוועלף פראיעקטן אריבער זיבן צפון-מזרח סטעיטס וועלכע שטופן פאר ריינע עלעקטראָליטיק הײדראָודזשען פראדוקציע, באנוץ און אינפראסטרוקטור פראיעקטן, פאר אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן פון קארבאן, ארײנרעכענענדיג טראנספארטאציע און גרויסארטיגע אינדוסטריעס, צווישן אנדערע. די היינטיגע אנאנס שטיצט יעדע סטעיט'ס קלימאט און ריינע ענערגיע ציהלן צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אין אלע אינדוסטריעס פון די עקאנאמיע.

"אלץ א פירער ווען עס קומט צו שריט אויף קלימאט און אלץ א גרונדענדע שותף אין די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער, שטייט ניו יארק סטעיט אין שפיץ פונעם וועג ביים אויפשטעלן א פארבידענע און שטאנדהאפטיגע הײדראָודזשען אינדוסטריע וואס וועט ברענגען דזשאבס און עקאנאמישע אנטוויקלונג צו די ראיאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען גרייט צו ארבעטן מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע קאמיוניטיס צו אויסנוצן די פעדעראלע געלטער און זיכער מאכן אז דער פראגראם בענעפיטירט די גאנצע ראיאן, בשעת'ן ווערן א טייל פון א פארבינדענע הײדראָודזשען צענטער נעטווארק איבערן לאנד און עררייכן אונזערע אמביציעזע קלימאט ציהלן."

**קאנעטיקוט גאווערנער נעד לעימאנט האט געזאגט,** "היינט איז א וויכטיגע טאג פאר די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער, און איך בין גאר באגייסטערט איבער די איבערצייגנדע אפליקאציע וואס מיר האבן ארײנגעשיקט ו די US DOE. די פובליק-פריוואטע שותפים אין אונזער

היידראָדזשען אינדוסטריע זענען אלוועלטליכע פירער אין ביזנעס און אין קלימאט פירערשאפט. איך דאנק זיי פאר זייער געמיינזאמע באמיאונג אונז צו ברענגען צו דעם היינטיגן טאג, און איך קוק ארויס צו זעהן א גינסטיגע באשלוס פון די DOE און צו די שיין-באצאלטע, לאקאלע דזשאבס און פילע אנדערע קאמיוניטי בענעפיטן וועלכע וועלן קומען דערפון."

**מעין גאווערנער דזשענעט מילס האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט איבער די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער'ס אפליקאציע צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט. מיין אדמיניסטראציע קוקט ארויס צו ארבעטן צוזאמען מיט פובליק און פריוואטע שותפים צו זעהן די פאטענציאל פון ריינע היידראָודזשען צו רעדוצירן עמיסיעס און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס."

**מעסעטשוסעטס גאווערנער מאורע היעלי האט געזאגט,** "מיט די פארשלאג האבן מיר אן אייגנארטיגע געלעגנהייט צו אויסנוצן באדייטנדע פעדעראלע געלטער צו אנהויבן בויען א מארקעט פאר ריינע היידראָודזשען וואס וועט אדרעסירן טייל פון אונזערע אינדוסטריעס וועלכע זענען די שווערסטע צו אראפגענומען ווערן פון קארבאן. די צפון-מזרח היידראָודזשען צענטער וועט ברענגען געלעגנהייטן, עס וועט לייגן יושר אלץ פריאריטעט און עס וועט ערמעגליכן באדייטנדע פארשריט אין די ריכטונג פון אונזערע אמביציעזע קלימאט פאדערונגען. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די באאיינדרוקספולע גרופע פון סטעיט פירער און שותפים אין די פריוואטע אינדוסטריעס צו ברענגען עקאנאמישע וואוקס און אינדוסטריע צו די ראיאן."

**ניו דזשערסי גאווערנער פיל מורפי האט געזאגט,** "דאס אריינגעבן די מהפכיות'דיגע פארשלאג צייכנט אפ א וויכטיגע ערגרייכונג אויפן וועג צו דאס אריינברענגען א ריינע ענערגיע עקאנאמיע נישט נאר אין ניו דזשערסי נאר אריבער אונזער גאנצע ראיאן. און אין נאך א געביט וואס איז פונקט אזוי וויכטיג, ווייזט עס ארויס די פארמערטע כוחות וואס קומען ווען די פעדעראלע און סטעיט רעגירונגען זענען פאראייניגט אין זייער גלויבונג אין די וויכטיגקייט פון נייע סארט שריט פאר די קלימאט. דורכן פארזיכערן געלטער וועלכע קומען פון דיביידן אדמיניסטראצי'ס היסטארישן אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ, וועלן ניו דזשערסי און אירע ראיאנישע שותפים שטופן פאר ריינע היידראָודזשען פראדוקציע און באנוץ, באזונדערס אין אינדוסטריעס וואס ביישטייערן אויף א באדייטפולע פארנעם צו GHG עמיסיעס און פארפעסטיגונג אין אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס."

**ראָוד איילענד גאווערנער דען מעקי האט געזאגט,** "ראָוד איילענד'ס 2021 'שריט פאר קלימאט' (Act on Climate) שטעלט אוועק אן אמביציעזע ציהל צו אנקומען צו פולשטענדיג באלאנסירטע עמיסיעס אריבער די גאנצע עקאנאמיע ביז 2050. צו מאכן די צוקונפט פאר א מציאות, מוז ראָוד איילענד זיך פארלאזן אויף פארשידענע מקורות פון ריינע ענערגיע, באזונדערס פאר אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער צו אראפגענומען ווערן פון קארבאן. מיר זענען שטאלצע שותפים אין די באמיאונג צווישן עטליכע סטעיטס צו שאפן א ריינע היידראָודזשען אינפראסטרוקטור וואס וועט העלפן דעם ניו ענגלאנד ראיאן שטיין אין שפיץ פונעם קאמף קעגן קלימאט טויש."

**ווערמאנט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service) קאמישאנער, דזשון ע. טיערני, האט געזאגט,** "ווערמאנט איז שטאלץ צו זיין א שותף אין די שעפערישע און פאראויס-קוקנדע פארשלאג. היידראָודזשען טעכנאלאגיע איז טייל פון א פילפאכיגע צוגאנג זיך צו באנעמען מיט קלימאט טויש. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אנדערע צפון-מזרח סטעיטס אין די ריכטונג פון א צוקונפט פון ריינע ענערגיע."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "פון מערב ניו יארק ביז ראטשעסטער און אלבאני, פון די נארט קאנטרי ביז לאנג איילענד — קען ניו יארק שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צו ריינע היידראָודזשען ענערגיע פראדוקציע, און זי האט אלע ריכטיגע באשטאנדטיילן צו פירן די

לאנד'ס ערשטע צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער צו פאראויס טרייבן אמעריקע'ס ריינע-ענערגיע צוקונפט. אונזער אומפארטייאישער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ רעכנט אריין 9.5 ביליאן דאלאר צו פארברייטערן די ריינע הײדראָודזשען אינדוסטריע און צו ווייטער רעדוצירן שעדליכע גאזן; א ניו יארק-צענטרירטע צפון מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער וועט מיינען טויזנטע נייע שיין-באצאלטע דזשאבס אין ריינע ענערגיע אין קאמיוניטיס וועלכע דארפן דאס די מערסטע, פון מעין ביז ניו דזשערסי מיט ניו יארק אין די הארץ דערפון. ניו יארק'ס מאכטפולע ארבעטסקראפט, פארשונג אינסטיטוציעס פונעם ערשטן קלאס און גרינגע צוטריט צו א פארשידנארטיגע רייע פון ריינע ענערגיע קוועלער וועלכע קענען צושטעלן די טרייב קראפט פאר גרינע הײדראָודזשען פראדוקציע מאכן איר פאסיג אויף אן אייגנארטיגן אופן צו ארויפטרייבן אונזערע באמיאונגען צו ווערן א גלאבאלע פירער אין ריינע הײדראָודזשען פראדוקציע. ריינע, גרינע הײדראָודזשען האט די פאטענציאל צו טרייבן אונזער קאמף קעגן קלימאט טויש, און איר קענט זיין רואיג אז איך וועל זיך באנוצן מיט מיין מאכט אלץ מאיאריטעט פירער צו שטופן דעם פראיעקט צו די ענערגיע דעפארטמענט און זיכער מאכן אז עס ברענגט רעזולטאטן פאר אלע ניו יארקע קאמיוניטיס."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "שאפן א קלימאט-שטאנדהאפטיגע צוקונפט מיינט אינוועסטירן אין מיטלען צו העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך אוועקרוקן פון פאסיל ברענשטאף. פעדעראלע הײדראָודזשען צענטער געלטער וועלכע זענען ארייגעלייגט אין דעם אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ זענען א לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונג וואס וועט ברענגען דזשאבס, פארשטערקערן עקאנאמישע אנטוויקלונג און ערמעגליכן דאס אראפגיין פון קארבאן. מיר מוטיגן די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט צו איינשפאנען די פאטענציאל פון מערב ניו יארק און פון אלע קאמיוניטיס אין די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הײדראָודזשען צענטער דורכן שטיצן די פאסיגע פארשלאג."

**קאנגרעסמאן פאול טאנקאָ האט געזאגט,** "ריינע הײדראָודזשען וועט שפילן א קריטישע ראלע ביים אנטוויקלען אונזער ריינע-ענערגיע צוקונפט, באזונדערס ביים גרינער מאכן אזעלכע אינדוסטריעס ווי שווערע פראכט טראנספארט וועלכע זענען שווער אראפצוגענומען ווערן פון קארבאן. איך האב געארבעט שווער צו שטופן ריינע ענערגיע סעיפים אונטער אונזער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ, און איך בין באגייסטערט צו זעהן אונזער ראיאן אויסנוצנדיג די געלעגנהייט צו באקומען קריטישע געלטער. נאכפאלגנדיג די אפליקאציע ווערנדיג אריינגעגעבן, קוק איך ארויס צו פארזעצן צו שטופן פאר פעדעראלע שריט וועלכע באפולמעכטיגן אונזער סטעיט און לאנד צו זיין פירער אין די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

**קאנגרעסמאן האקים דזשעפריס האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון פרעזידענטביידן, די דעמאקראטן אין די קאנגרעס און גאווערנער האקול, האט דער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ געברענגט עכטע און טראנספארמאטיווע טוישן צו ניו יארק. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו קאנפראנטירן די קלימאט קריזיס, אפלאדיר איך גאווערנער האקול פאר איר ארבעט צו פארזיכערן אז ניו יארק קען זיין א צענטער פון ריינע ענערגיע פאר די גאנצע לאנד. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט פעדעראלע און סטעיט שותפים צו אינוועסטירן אין אונזער ריינע ענערגיע עקאנאמיע צו אראפלאזן די קאסטן, שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס און פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן אין יעדע זיפ קאָוד."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "ניו יארק איז שוין פון לאנג א פירער אין דעם קאמף קעגן די קלימאט קריזיס. פאראויס רוקן אונזער ראלע אלץ א ראיאנישע הײדראָודזשען צענטער איז א הויפט טייל נישט נאר פונעם ארומדרייען די השפעות פון קלימאט טויש נאר אויך פארן מאכן וואקסן אונזער ריינע-ענערגיע עקאנאמיע. איך בין שטאלץ צו שטיצן די באמיאונגען, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע און פירערשאפט אזוי ווי מיר ארבעטן צו אינוועסטירן אין א מער קלימאט-פריינטליכע צוקונפט."

**קאנגרעסמאן ריטשי טארעס האט געזאגט,** "ניו יארק'ס סטראטעגיע זיך צו אפגעבן מיט די קלימאט קריזיס איז צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און אריבערגיין צו א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע אין אלע אינדוסטריעס אין א וועג וואס שאפט שיין-באצאלטע דזשאבס און שטיצט באזייטיגטע קאמיוניטיס. אבער עס איז דא א כוח פון א רבים, און עס איז שווער צו איגנארירן אז א גאנצע ראיאן פונעם לאנד איז זיך צוזאמגעקומען אין א קאארדינירטע באמיאונג צווישן עטליכע סטעיטס צו פרובירן צו באקומען קריטישע פעדעראלע אינוועסטירונגען צו ווערן א נאציאנאלע צענטער פאר הייזראָדזשען. איך בין דאנקבאר פאר יעדער וואס איז געווען פארמישט אין די באמיאונג פארן אריינגעבן א קאנקורירנדע, פאראויס-קוקנדע פארשלאג צו די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט — אזא וואס וועט פאראויס רוקן אונזער ראיאן'ס געמיינזאמע ענערגיע ציהלן און שטיצן מער פון צוועלף פראיעקטן אין אינדוסטריעס וואס זענען שווער צו אראפגענומען ווערן פון קארבאן."

**קאנגרעסמאן ניק לענגווארטי האט געזאגט,** "אלץ טייל פון אן ענערגיע סטראטעגיע פון נאכפאלגן אלע ריכטונגען, איז עס מיר א פארגעניגן זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול ביים שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו ברענגען די אינפראסטרוקטור פינאנצירונג צו ניו יארק. ניו יארק האט אן אייגנארטיגע מעגליכקייט צו שטיצן א פארשידנארטיגע ענערגיע אינדוסטריע, און צולייגן א הייזראָדזשען צענטער אין וועלכע עטליכע מערב ניו יארק און סאוטערן טיער פירמעס וועלן זיין שותפים וועט זיין א בענעפיט פאר אונזער ראיאן."

**קאנגרעסמאן ברענדען וויליאמס האט געזאגט,** "אלץ דער פארזיצער פון די קאנגרעס סאב-קאמיטע אויף ענערגיע, קוק איך ארויס צו שיקן די DOE פארשונג פינאנצירונג פאר הייזראָדזשען פארשונג און אנדערע קריטישע באמיאונגען צו פארזיכערן אונזער ענערגיע צוקונפט."

די פארשלאג וועט איבערגעקוקט ווערן דורך די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט, און די פארשלאגן וועלכע וועלן אויסגעקליבן ווערן וועלן דעזיגנירט ווערן אלץ איינס פון די לאנד'ס ראיאנישע ריינע הייזראָדזשען צענטערן. גרענטס זענען ערווארטעט צו אנאנסירט ווערן אין הערבסט פון 2023.

זינט די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הייזראָדזשען צענטער (NE צענטער) איז אוועקגעשטעלט געווארן אין מערץ 2022, האבן זעקס סטעיטס און איבער 100 שותפים אונטערגעשריבן א 'מעמארענדום פון פארשטאנד' (memorandum of understanding, MOU) זיך אנשליסנדיג מיט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו ארבעטן צוזאמען צו אהערשטעלן די פארשלאג וואס איז אריינגעגעבן געווארן. די NE צענטער שותפות – וואס איז איבערגעגעבן צו ארויסווייזן די פאטענציאל פון-און אויסנוצן די עקאנאמישע און קארבאן-אוועקנעמונג געלעגנהייטן וועלכע ווערן געברענגט דורך ריינע הייזראָדזשען – האט צום ערשט אריינגערעכנט די סטעיטס ניו יארק, ניו דזשערסי, מעסעטשוסעטס און 40 שותפים וועלכע זענען אקטיוו אין די אנטוויקלונג און אריינברענגונג צום באנוץ פון ריינע הייזראָדזשען אלץ א וויכטיגע טייל פון די ברייטערע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. די שותפות איז פארברייטערט געווארן אין אויגוסט 2022 צו אריינרעכענען די סטעיטס ראָוד איילענד, מעין און נאך איבער 25 הייזראָדזשען אינדוסטריע שותפים. אין פעברואר 2023 איז די שותפות געוואקסן צו איבער 100 שותפים, מיט ווערמאנט זיך אויך אנשליסנדיג.

**דאַרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "דאס אריינגעבן די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע הייזראָדזשען צענטער פארשלאג צו די ענערגיע דעפארטמענט איז די הויכפונקט פון מער פון א יאר פון צוזאמענארבעט צווישן ניו יארק, אונזערע זעקס סטעיט שותפים און מער פון 100 הייזראָדזשען אינדוסטריע שותפים. מיר זענען שטאלץ צו האבן געשפילט א קריטישע ראלע ביים בויען די שטאנדהאפטיגע און פארשידנארטיגע גרופע פון שותפים, און מיר זענען באגייסטערט צו ארבעטן צוזאמען צו בויען א הייזראָדזשען אינדוסטריע וואס שטיצט די פראדוקציע און באנוץ פון די נייע מיטל און

איר פאטענציאלע באנוץ פאר אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער אראפצוגענומען ווערן פון קארבאן אלץ טייל פון א יושר'דיגע און גלייכע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority) צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די IRA גאלטער וועט באדייטנד רעדוצירן די קאסטן פון פראדוצירן היידראָודזשען אין ניו יארק, ערלויבנדיג די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער צו שטארק פארשנעלערן דאס באנוץ מיט גרינע היידראָודזשען אריבער די ראיאן. ניו יארק וועט פארברייטערן איר שנעל-וואקסנדע ריינע ענערגיע עקאנאמיע – דינענדיג אלץ א מוסטער פאר די רעשט פון דאס לאנד – דורכן רעדוצירן די באנוץ מיט קארבאן און שאפן מער גרינע דזשאבס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו זיין טייל פון די פארשלאג פון עטליכע סטעיטס פאר א צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער, אזא וואס וועט פאראויס טרייבן ניו יארק סטעיט'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן און פארשטערקערן אונזער גרינע עקאנאמיע. די פארשלאג ווייזט ארויס שותפות און פארשריט אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו שאפן א ריינע ענערגיע אינדוסטריע וואס וועט אויך שאפן דזשאבס און געלעגנהייטן פאר ניו יארקער."

**עדעם זוראָפסקי, צייטווייליגער דירעקטאר פון די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער, האט געזאגט,** "די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער איז אנגעהויבן געווארן צו טרעפן און אויסנוצן די געלעגנהייטן וואס ריינע היידראָודזשען ברענגט צו פאראויס רוקן קריטישע פריאריטעטן ווי דאס אראפגיין פון קארבאן, עקאנאמישע אנטוויקלונג און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט. די היינטיגע פארשלאג שפיגלט אפ די מעגליכקייט פון אונזער ראיאן צו קאאפערירן צו בויען א היידראָודזשען אינדוסטריע וואס קען פארווירקליכן די געלעגנהייטן און ארויסווייזן די בענעפיטן פון ריינע היידראָודזשען ארויס פון אונזערע גרעניצן. מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו אנטיילנעמען אין די דורכבערעכנדע פעדעראלע פראגראם, און מיר קוקן ארויס צו מאכן די חזון פון די צפון-מזרח ראיאנישע ריינע היידראָודזשען צענטער פאר א מציאות."

די קאארדינירטע סטראטעגיע צווישן עטליכע סטעיטס איז אויסגעשטעלט צו שאפן אן אינדוסטריע וואס פארבינדט היידראָודזשען פראדוצירער און באניצער און זייערע פארבינדענע זיכערהייט עקספערטן, טעכנאלאגישע אריגינעלע עקוויפמענט מעניופעקטשורערס ( original equipment manufacturer, OEM) און די פארשונג און אנטוויקלונג קאמיוניטי, ארבעטסקראפט ארגאניזאציעס און לעיבאר פארשטייער, אלעס פאר די געמיינזאמע ציהל פון פאראויס שטופן ריינע היידראָודזשען פראיעקטן צו אריינגעלייגט ווערן אין די פארשלאג, אין איינקלאנג מיט די פאלגנדע פרינציפן צו ווייזן די וועג:

- לייגן אלץ פריאריטעט ריינע עלעקטראָליטיק היידראָודזשען פראדוקציע – היידראָודזשען וואס ווערט געמאכט אן ארויסגעבן שעדליכע גאז עמיסיעס נוצנדיג ריינע עלעקטריציטעט און וואסער;
- נוצן ריינע היידראָודזשען אלץ א צוגאב צו באמיאונגען צו אריבערפירן אינדוסטריעס צו עלעקטריציטעט, זיך קאנצעטרירנדיג אויף אינדוסטריעס אין די עקאנאמיע וועלכע זענען שווער צו אריבערגעפירט ווערן צו עלעקטריציטעט;
- זיך קאנצעטרירן אויף א קריטישער פארנעם אויף צו אריינברענגען די קאמיוניטי אין די פראצעדור, זיכערהייט, קלימאט, ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט, פארשידנארטיגקייט, יושר, אריינגעמונג און צוגענגליכקייט;
- פארווירקליכן די אייגנארטיגע געלעגנהייט צו מאכן וואקסן די ריינע-ענערגיע ארבעטסקראפט, זיך קאנצעטרירנדיג נישט נאר אויפן בילדן און טרענירן נייע ארבייטער, אזעלכע פון באזייטיגטע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען אין פארשטופטע פלעצער, נאר אויך אויסנוצנדיג עקזיסטירנדע ספעציאליזירטע און טרענירטע ארבייטער צו שפילן א קריטישע ראלע ביים בויען

די אינפראסטרוקטור וואס איז נויטיג פאר א קלימאט-פריינטליכע ריינע הייִדראָדזשען אינדוסטריע אלץ טייל פון אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע;

- אויסנוצן און מאכן וואקסן די צפון-מזרח'ס רייכע ערפינדונגען אינדוסטריע אויף א גרויסן פארנעם; און
- ארבעטן צזאמען אויף קריטישע פאליסי אינציאטיוון און באלוינונגען.

אין איינקלאנג מיט די וועגווייזנדע פרינציפן רעכענען די NE צענטער פראיעקטן אריין ריינע עלעקטראָליטיק הייִדראָדזשען פראדוקציע צו גענוצט ווערן אין טראנספארטאציע, אינדוסטריאלע באנוצן אין הייסע טעמפעראטורן און קאמיוניטי נוצן פון היץ וואס קומען פון אינדוסטריעס וועלכע זענען שווער צו אראפגענומען ווערן פון קארבאן. די פראיעקטן וועלכע זענען אריינגערעכנט אין די פארשלאג זענען פארגעשלאגן געווארן צו ווערן אויסגעשטעלט אויף אן אופן צו אויסשטעלן א ראיאנישע צענטער פון צוזאמגעשטעלטע פראיעקטן אריבער סטעיטס וועלכע פראדוצירן און נוצן צוזאמען ריינע הייִדראָדזשען, שטופן פאר א חזון וואס ערמעגליכט א לאנג-טערמיניגע און קלימאט-פריינטליכע ריינע הייִדראָדזשען אינדוסטריע אין די צפון-מזרח ראיאן און צו אוועקשטעלן סטראטעגישע קשרים מיט אנדערע ריינע הייִדראָדזשען צענטערן.

אויב עס וועט אויסדערוועהלט ווערן צו באקומען א גרענט פון די ענערגיע דעפּארטמענט, וועלן די פראיעקטן אין די NE צענטער פארענדיגן א שטארקע סעריע פון פיר שטאפלען אין דעוועלאפמענט איבער לויף פון 10-12 יאר, מיט יעדע שטאפל אין די רייע פארלאנגענדיג זאכן צו ערגרייכט ווערן אינמיטן בעפאר די פראיעקטן קענען זיך פאראויס רוקן אין דעם פראצעדור, אריינרעכענענדיג טעכנישע ציפערן און אנאליזירונג, קאמיוניטי צוזאמענארבעט און ווירקונגען, אינדזשענירונג, פערמיטס און זיכערהייט, ביזנעס אנטוויקלונג און מענעדזשמענט, איינקויפן שטחים און קאנסטרוקציע און אפעראציעס.

אויב עס וועט אויסדערוועהלט ווערן וועט די מענעדזשמענט און אויפזיכט אויף די אונטערנעמונג אריבער זיבן סטעיטס ערגרייכט ווערן דורך נאענטע קאארדינאציע און צוזאמענארבעט צווישן די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט, NYSERDA אלץ די הויפט קערפערשאפט צו באקומען די געלטער, און סטעיט שותפים און אונטערשטע פראיעקט שותפים וועלכע וועלן זיין די ארגאניזאציעס וועלכע פירן דורך למעשה די ארבעט אין קאמיוניטיס אריבער די ראיאן.

אין די צייט וואס די פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפּארטמענט פארענדיגט די אפליקאציע איבערבליק פראצעדור וועט די פולע ליסטע פון פראיעקטן, לאקאציעס און ארגאניזאציעס וועלכע זענען אריינגעלייגט אין די NE צענטער פארשלאג נישט פארעפנטליכט ווערן פאר די פובליק.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר

ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג אינטערווענצן און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן